גַעקומען אױך דער, װאָס האָט בּאַקומען די צװײ
טאַלאַנטן און האָט געזאָגט: האַר, דו האָסט מיר
איבּערגעגעבּן צװײ טאַלאַנטן; זע, איך האָבּ פֿאַר־
23 דינט אַנדערע צװײ טאַלאַנטן. האָט זײַן האַר צו אים
געזאָגט: װױל! דו גוטער און געטרײַער קנעכט!
בּיסט געװען געטרײַ איבּער װײניק, איך װעל דיך
זעצן איבּער אַ סך; גײ אַרײַן צו דײַן האַרס שׂמחה!
24 און עס איז געקומען אױך דער, װאָס האָט בּאַקומען
דעם אײנעם טאַלאַנט, און האָט געזאָגט: האַר, איך
קען דיך, אַז דו בּיסט אַ האַרטער מענטש; דו
שנײַדסט, װאו דו האָסט נישט געזײט, און זאַמלסט,
25 װאו דו האָסט נישט צעשפּרײט; און װײַל איך האָבּ
מורא געהאַט, בּין איך געגאַנגען און האָבּ פֿאַרבּאָרגן
דײַן טאַלאַנט אין דער ערד. אָט האָסטו דאָס דײַניקע!
26 און זײַן האַר האָט ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט:
דו בּײזער און פֿױלער קנעכט! האָסט געװאוסט,
אַז איך שנײַד, װאו איך האָבּ נישט געזײט און זאַמל,
27 װאו איך האָבּ נישט צעשפּרײט; האָסטו דעריבּער
געדאַרפֿט אײַנלײגן מײַן געלט בּײַ די בּאַנקירן,
און בּײַ מײַן קומען װאָלט איך אָפּגענומען דאָס
28 מײַניקע מיט פּראָצענט. נעמט זשע פֿון אים
אַװעק דעם טאַלאַנט, און גיט אים דעם, װאָס האָט
29 די צען טאַלאַנטן! װאָרום יעדן אײנעם, װאָס האָט,
װעט געגעבּן װערן, און ער װעט האָבּן אַ שפּע;
פֿון דעם אָבּער, װאָס האָט נישט, װעט פֿון אים
אַװעקגענומען װערן אַפֿילו דאָס, װאָס ער האָט יאָ.
30 און דעם אומנוצלעכן קנעכט װאַרפֿט אַרױס אין
דער אױסערסטער פֿינסטערניש. דאָרטן װעט זײַן
דאָס קלאָגן און קריצן מיט די צײן.
31 װען אָבּער דער בּן־אדם װעט קומען אין זײַן
הערלעכקײט, און אַלע מלאָכים מיט אים, װעט ער